בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת ויצא




## דאס גרויסקייט פון צער גידול בנים

### יעקב לייזט אויס אברהם

**די** גמרא אין מסכת סנהדרין (יט:) ברענגט דעם פסוק (ישעי' כט, כב) "לכן כה אמר ה' אל בית יעקב אשר פדה את אברהם" - דעריבער, אזוי זאגט השי"ת צום הויזגעזינד פון יעקב וואס האט אויסגעלייזט אברהם. דער פשוט'ער פשט, ווי מיר פארשטייען דעם פסוק, איז אז די ווערטער "וואס האט אויסגעלייזט אברהם" גייען ארויף אויף השי"ת, און דער פשט איז: "אזוי זאגט השי"ת, וואס ער האט אויסגעלייזט אברהם פון די גענצנדינער פון אור כשדים, צום הויזגעזינד פון יעקב". אזוי לערנען טאקע די ראשונים אפ דעם פשט אין פסוק. חז"ל וואס האבן אבער אנגעמערקט יעדע מינדסטע ענדערונג אין א פסוק, האבן געזען אין אט-די ווערטער א באהאלטענעם משמעות.

פאר חז"ל האט געשטערט דער סדר פון די ווערטער אין פסוק: "אזוי האט געזאגט השי"ת צום הויזגעזינד פון יעקב, וואס האט אויסגעלייזט אברהם". עס איז משמע פון די ווערטער, אז יעקב און זיין הויזגעזינד זענען געווען די וואס האבן אויסגעלייזט אברהם. אין א געוויסן זין - לערנען אונז חז"ל - האט טאקע יעקב אויסגעלייזט אברהם. "אמר רבי יהודה שפדאו מצער גידול בנים" - האט רב יהודה געזאגט, יעקב האט אויסגעלייזט אברהם פון צער גידול בנים. יא, יעקב האט אויסגעלייזט אברהם און יצחק פון דעם עול פון ערציען קינדער. לאמיר פרובירן פארשטיין וואס חז"ל ווילן אונז דערמיט לערנען.

### יעקב האט געלעבט א לעבן גאר אנדערש ווי זיינע פאטערס

**עס** איז העכסט-מערקווירדיג, אז מען זעט נישט אין קיין שום פלאץ אז אברהם און יצחק זאלן האבן באדינט אנדערע מענטשן. שוין באלד ביים אנהייב פון זיין קאַריערע, זעען מיר אז אברהם האט פארמאגט פיל קנעכט און פארמעגנס. "ויקח אברם את שרי ואת כל רכושם אשר רכשו" (בראשית יב, ה) - און אברם האט גענומען שרי און זייער גאנץ פארמעגן וואס זיי האבן אנגעזאמלט. "ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב" (יג, ב) - און אברם איז געווען זייער שווער מיט פי, מיט זילבער און מיט גאלד. אזוי אויך יצחק, וואס ער האט איבערגענומען דאס רייכטום פון זיין פאטער, ווי עס שטייט אין פסוק (כה, ה): "ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק" - און אברהם האט געגעבן אלץ וואס איז צו אים פאר יצחק. מיר טרעפן נישט אין ערגעץ אז די ערשטע צוויי אבות זאלן אמאל האבן געווען געצוואונגען צו ארבעטן פאר איינעם, אדער טון א שווערע ארבעט פאר א צווייטן. זיי האבן שטענדיג געלעבט א רייך און זעלבסטשטענדיג לעבן, נישט זייענדיג אנגעוויזן אויף מענטשן.

דאן איז געקומען יעקב, און ער איז געווען געצוואונגען צו פארלאזן דאס פלאץ פון זיין טאטנ'ס משפחה, וואו ער האט געהאט זיין שוץ און זעלבסטשטענדיגקייט. יעקב האט געלעבט א לעבן גאר אנדערש ווי זיינע עלטערן. ער איז אנטלאפן פאר'ן לעבן, און די קומענדיגע צוואנציג יאר האט ער

געארבעט ביטער-שווער פאר א גאר שווערן און שטרענגן באלעבאס. אנדערש ווי זיינע עלטערן, איז יעקב אינגאנצן נישט געווען זעלבסטשטענדיג. און אט-דער שרייענדער אונטערשייד צווישן יעקב און די ערשטע צוויי אבות איז גארנישט געווען קיין צופאל. עס איז געווען א טייל פונעם ספעציעלן פלאן וואס השי"ת האט געהאט פאר דער שאפונג פון אונזער פאלק.

## די ראלע פון אברהם און יצחק

**אברהם** איז געווען דער ערשטער מענטש וואס האט פארשפרייט די ידיעה און הכרה אין מציאות השם. ער איז געווען דער העכסט-אָריגינעלער דענקער אין דער היסטאריע פון דער מענטשהייט, און כדי אים צו מאכן לייכטער אין זיין קאַריערע - א קאריערע פון "ויקרא בשם ה'", צו טראכטן פון השי"ת און לערנען פאר אנדערע, האט השי"ת אראפגעשיקט פאר אים א שפע פון גוטס, אזוי אז אברהם האט שטענדיג, א גאנץ לעבן, געהאט אלץ וואס ער האט געדארפט, קנעכט, רייכטום, זעלבסטשטענדיגקייט, און מער פון אלעם די רואיגקייט צו קענען אויספירן זיין פליכט אויף דער וועלט.

יצחק איז געגאנגען אין די פוסטריט פון זיין פאטער, און אויך ער איז געווען א דענקער און א לערער. "ויצא יצחק לשוח בשדה" (בראשית כד, סג) - און יצחק איז ארויסגעגאנגען צו רעדן אין פעלד. דאס איז נישט געווען קיין איינמאליגע געשעעניש, נאר אזוי האט יצחק זיך געפירט שטענדיג א גאנץ לעבן. "ויצא יצחק" באדייט, אז יצחק איז **אלעמאל** ארויסגעגאנגען. א זון פון אברהם, האט ער געלערנט פון אים ווי אזוי אויסצוניצן די צייט אויף צו טראכטן די געדאנקען פון השי"ת. דערפאר האט השי"ת אים געגעבן דאס רייכטום פון אברהם, וואס האט אים ערמעגליכט צו געפינען פאר זיך די פרייע צייט וואס ער האט געדארפט כדי זיך צו קענען אפגעבן מיט זיינע טיפזיניגע לערעס צו אנטוויקלען ווייטער די לעבנס-השקפות און אידעאַלן פון זיין פאטער.

אזוי ווי זיין פאטער, האט יצחק ווייטער פארשפרייט דעם נאמען פון השי"ת אויף דער וועלט. "ויקרא בשם ה'" (בראשית ט, כה) - און יצחק האט גערופן אין נאמען פון השי"ת. אויף אט-דיביידע גרויסע מענטשן, קענען מיר אויפריכטיג זאגן די ווערטער פון דער משנה אין פרקי אבות (ג, ה): "יעדער וואס איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה, נעמט מען אראפ פון אים דעם עול מלכות און עול דרך ארץ".

און יצחק איז געגאנגען אפילו נאך ווייטער ווי זיין פאטער מיט'ן לערנען. "עתידין ישראל לילך אצל אברהם ואומרים לו לַמדנו תורה, והוא אומר להם לכו אצל יצחק שלמד יותר ממני" (שמות רבה ב, ו) - אידן וועלן גיין צו אברהם און אים זאגן, "לערן אונז תורה", וועט ער זיי זאגן, "גייט צו יצחק, וואס ער האט געלערנט מער ווי איך". אברהם האט נישט געהאט קיין מלמד וואס זאל אים לערנען אין זיינע יונגע יארן, אבער יצחק האט איבערגענומען אלע זיינע לערנונגען פון זיין פאטער, און האט אויך צוגעלייגט דערצו. אזוי ווי א קליין מענטשל וואס שטייט אויפ'ן אקסל פון א ריז - אזוי האט יצחק איבערגענומען די לערנונגען פון זיין פאטער וועגן השי"ת און איז געגאנגען דערמיט ווייטער פאראויס, פארזעצנדיג צו אנטוויקלען די יסודות פון דער תורה וואס וועלן זיין דער וועגווייזער פאר'ן אידישן פאלק אויף אייביג.

עס איז גארנישט געווען קיין צופאל, וואס אברהם איז געווען קינדערלאז א גרויסן טייל פון זיין לעבן. און אזוי אויך יצחק, וואס נאך צוואנציג יאר נישט האבן קיין קינדער, האט ער געהאט נאר צוויי זין. צווישן די סיבות פאר די דאזיגע אומשטענדן און דעם צער וואס עס האבן מיטגעמאכט די ערשטע צוויי אבות, איז געווען דאס אז די דאזיגע צוויי ריזן-דענקער זאלן זיך קענען אפגעבן מיט'ן לערנען די וועגן פון השי"ת, אן געשטערט ווערן פונעם עול פון ערציען א גרויסע משפחה מיט קינדער.

## די ראלע פון יעקב

**און** וואס איז מיט יעקב אבינו? וואס איז געווען זיין ראָלע אין דער גרינדונג פונעם אידישן פאלק? נאכדעם וואס די צוויי גרויסע דענקער, אברהם און יצחק, האבן שוין געהאט אנטדעקט און אויסגעקלארט די יסודות פון די דרכי ה' אויף דער וועלט, איז שוין געווען אוועקגעשטעלט דער פונדאַמענט פאר'ן אויפבוי פון דער אידישער אומה, און וואס עס האט נאך יעצט אויסגעפעלט איז געווען די ספעציעלע פערזענליכקייט, וואס זאל זיך אפגעבן מיט דער עבודה אנצוהייבן אויפבויען די הערליכע געביידע - די משפחה - אויף אט-דעם יסוד וואס עס האבן אוועקגעלייגט די פריערדיגע צוויי אבות. און דאס איז געווען יעקב אבינו. בלויז נאכדעם וואס די צוויי ריזן-מוחות, אברהם און יצחק, האבן צוגעגרייט דעם וועג, איז געקומען יעקב און גענומען אויף זיך דעם עול צו בויען דעם צוקונפטיגן עם ה'. ער האט געארבעט פלייסיג חתונה צו האבן מיט די אמהות און האט געהארעוועט שווער אויסצוהאלטן און ערציען זיינע קינדער. זיין גאנצע ארבעט און מי איז געווען אן עבודת השי"ת, מחנך צו זיין זיינע קינדער צו זיין די "הייליגע פאמיליע", די פאטערס פון הייליגן פאלק.

אט-די ארבעט, צו ערציען און אנטוויקלען זיינע קינדער און זיי פירן אין וועג צו זייער עתיד צו זיין די שעפער פון די שבטי י-ה, איז געווען וואס האט אויסגעלייזט אברהם און יצחק און זיי ערמעגליכט די פרייהייט צו קענען דערגרייכן זייער שלימות אינעם טראכטן פון השי"ת און זיך מתבונן זיין אין זיין לערע, גרויסקייט, חסד און די גרויסע יסודות פון עבודת השי"ת. ווען נישט יעקב, וואלטן אברהם און יצחק געמוזט אליין פארברענגען זייער לעבן אויפצובויען דאס צוקונפטיגע פאלק, און זיי וואלטן נישט געהאט די געלעגנהייט צו דערגרייכן דאס שלימות וואס האט זיך געפאדערט פאר די פאטערס פון אונזער פאלק. פריי פון אט-דער אויפגאבע אויפצושטעלן א גרויסע משפחה און פונעם אחריות צו ערציען די שבטים, האבן אברהם און יצחק יעצט געקענט אויסניצן די דאזיגע "אויסלייזונג" כדי אנצוקומען הויך אין דער אנטוויקלונג פון די געדאנקען פון השי"ת און די אידעאַלן פון עבודת ה' וואס זענען אונזערע וועגווייזער ביז'ן היינטיגן טאג.

## יעקב האט זיך נישט וואס צו שעמען

**חז"ל** שטעלן זיך אויפ'ן אויבנדערמאנטן פסוק אין ישעי' און ברענגען ארויס א גאר-טיפע און וויכטיגע נקודה אין שייכות מיט דער דאזיגער "אויסלייזונג" פון די צוויי ערשטע אבות, וואס יעקב האט אויף זיך גענומען. חז"ל לערנען אונז, אז נישט בלויז האט יעקב אויסגעלייזט אברהם און יצחק פון די שוועריגקייטן וואס זענען פארבונדן מיט'ן ערציען א גרויסע פאמיליע, נאר יעקב האט דערגרייכט אויך זיין אייגן גדלות, וואס איז געווען גארנישט ווייניגער ווי דאס גרויסקייט פון זיינע עלטערן, דורך דעם וואס ער האט פאקטיש געלייגט די גרונטשטיינער פאר'ן בנין פון כלל ישראל, און יעקב האט זיך גארנישט וואס צו שעמען שטייענדיג פאר זיין גרויסן פאטער און נאך גרעסערן זיידן - ווי עס שטייט אין פסוק (ישעי' כט, כב): "לא עתה יבוש יעקב ולא עתה פניו יחורו" - יעצט וועט יעקב זיך מער נישט שעמען, און יעצט וועט מער זיין פנים נישט בלאס ווערן. ערקלערן חז"ל: "יעצט וועט יעקב זיך מער נישט שעמען - פאר זיין פאטער; און יעצט וועט מער זיין פנים נישט בלאס ווערן - פאר זיין פאטער'ס פאטער".

און פארוואס טאקע נישט? פארוואס וועט יעקב נישט פארשעמט ווערן אָפּמעסטנדיג זיך, אין פארגלייך מיט די גרויסע דערגרייכונגען פון זיינע עלטערן? זאגט דער פסוק ווייטער (דארט כג): "כי בראותו ילדיו מעשה ידי בקרבו יקדישו שמי", ווייל ער וועט זען זיינע קינדער, דאס ווערק פון מיינע הענט, אין אים, וואס זיי הייליגן מיין נאמען". די געוואלדיגע דערגרייכונג צו ערציען די שבטים, וואס וועלן ווערן דאס הייליגע אידישע פאלק וואס איז מקדש שם שמים, וועט אויף שטענדיג זיין צום פארדינסט פון יעקב אבינו און די אמהות וואס האבן זיי געבוירן און ערצויגן (סנהדרין יט:). דערפאר

דארף יעקב זיך נישט שעמען שטייענדיג פאר זיינע עלטערן, ווייל ער און זיינע פרויען האבן ערצויגן די פאמיליע און געגרינדעט דאס פאלק וואס וועט ווייטער ממשיך זיין די לערנונגען, וואס די צוויי ערשטע אבות האבן אנטדעקט און געלערנט.

און אט דאס איז געווען דער ציל, אויף וואס יעקב און זיינע פרויען האבן געשטרעבט. דער אויפבוי פון צוקונפטיגן עם ה׳ איז געווען דער לעבנס-ציל, דאס צוועק פאר וועלכן זיי האבן געלעבט. ״אונזער גאנצע ארבעט און מי צו האבן און ערציען קינדער איז געווען צו בויען דאס אידישע פאלק״, האבן געזאגט יעקב און די אמהות. ״א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, האבן מיר אוועקגעגעבן אונזערע כוחות און בלוט-און-שווייס כדי אויפצוציען דיין פאלק״, וועלן זיי זאגן צו השי״ת. ״און אויב אזוי, וואס האבן מיר דען זיך צו שעמען?״

## דער הויפט-ציל פון אונזערע אבות און אמהות

**און** אונזערע מוטערס, די אמהות, האבן ערפילט זייער אויפגאבע בשלימות. און ווען רחל האט געזען ווי איר שוועסטער לאה הייבט אן צו האבן קינדער, זאגט די תורה (בראשית ל, א): ״ותקנא רחל באחותה״ - און רחל האט מקנא געווען איר שוועסטער. די תורה זאגט דאס אלס א לויב, נישט ווי א חסרון. קנאה, ווען עס ווערט באנוצט ריכטיג, איז א מיטל אנצוקומען צו הייליגע און ערליכע דערגרייכונגען. ״קנאת סופרים תרבה חכמה״ (בבא בתרא כא.). דעריבער האט רחל געזאגט, ״גיב מיר זין, און אויב נישט שטארב איך״ - ווייל זי האט געלעבט פאר דעם הייליגן צוועק צו ערציען די קינדער; און אויב זי האט אט-דעם ציל נישט געקענט דערגרייכן, האט דאס לעבן ביי איר כמעט ווי נישט געהאט קיין באדייט.

די דאזיגע צוויי גרויסע פערזענליכקייטן, רחל און לאה, האבן שטארק מקנא געווען איינע די אנדערע, ווייל זיי האבן גוט געוואוסט די געוואלדיגע פארדינסטן וואס וועלן ארויסקומען פון ביישטייערן דעם גרעסערן טייל צום עתיד פונעם אייביגן פאלק. פארשטייענדיג גוט זייער ווichtיגע ראלע, און דעם זכות וואס זיי וועלן האבן אינעם עבודת השי״ת פון אלע קומענדיגע דורות, האבן זיי זיך ״געראנגלט״ איינע מיט דער אנדערער אין די הייסע תפלות וואס זיי האבן אויסגעגאסן צו השי״ת (זע בראשית ל, ח). מיט יעדן קינד וואס זיי האבן געבערנגט אויף דער וועלט האבן זיי זיך איינגעהאנדלט א גרעסערן חלק אינעם צוקונפטיגן פאלק. עס איז דעריבער זייער פארשטענדליך וואס רחל און לאה האבן געהאט דעם שטארקסטן באגער איבערצושטייגן איינע די אנדערע מיט׳ן געווינען א גרעסערן חלק אינעם עתיד פונעם פאלק. ווי שטארק א פרוי גלוסט נאר צו האבן א קינד, איז דער חשק פון אונזערע אמהות געווען צענדליגער טויזנטער מאל מער פאר יעדן קינד באזונדער, ווייל יעדער זון וואס זיי האבן געבוירן האט פארגעשטעלט מיט זיך נאך א שבט פון צענדליגער טויזנטער צוקונפטיגע אידישע קינדער. עס איז דערפאר גאנץ אוממעגליך פאר אונז זיך פארצושטעלן דעם ברען פון ערליכער קנאה וואס האט געפלאקערט אין די הערצער פון ״רחל און לאה, וואס זיי האבן ביידע געבויט דאס בית ישראל״ (רות ד, יא).

## די אמת׳ע עלדן: די אבות און אמהות פון כלל ישראל

**און** יעצט קומען מיר צו צו אונזער טעמע וועגן דער גרויסקייט פון ערציען א משפחה, און דערמיט מיין איך א משפחה פון עבדי ה׳ וואס גייען אין אויסגעטראטענעם וועג פון יעקב אבינו און די אמהות, וואס זייערע העלדישע שריט האבן געגרינדעט אונזער אידישע פאלק.

עס איז ביי מיר נישט קיין ספק אין דעם, אז די אמת׳ע העלדן פון כלל ישראל זענען די פאטערס און מוטערס, וואס לעבן א לעבן פון פולשטענדיגער איבערגעגעבנקייט צום חינוך פון די קינדער בדרך התורה און בדרך קדושה. מיר זענען ארומגענומען פון אלע זייטן מיט׳ן אָפפאל פון דער געזעלשאפט, און אין-אט דעם אָפלויף-

גרוב פון א העכסט-אוממאָראַלישער קולטור וואס איז אוועקגעשטעלט אויף גשמיות, ווערן אונזערע פאטערס און מוטערס אָנפאַרטרויט מיט דער אויפגאבע צו ערציען א משפחה מיט הייליגע קינדער, און זיי טוען עס בעסער ווי עס וואלט זיך איינער אמאל פארגעשטעלט מיט זעכציג יאר צוריק, ווען איך בין אויפגעוואקסן. [באמערקונג: הגר"א מילער זצ"ל האט דאס געזאגט בערך תש"מ]

גרויסע, ערליכע משפחות זענען א שיינקייט און פראכט. אט גייט א מוטער און שטופט צוויי פיצלעך קינדער אין א וועגעלע, ווען זעקס עלטערע קינדער כאפן עס אן. דאס איז די ערליכסטע סצענע וואס איינער קען זיך נאר פארשטעלן. אין דער דרויסנדיגער וועלט, איז די דאזיגע מאמע א פשוט'ע פרוי. זי גייט אנגעטון איינפאַך, קוקט אויס אויסגעמוטשעט - אוודאי איז זי פארמאטערט; זי טראגט די קינדער אויף'ן הארצן, זארגט פאר זיי, טראכט וועגן נאכטמאל, שלאפן-צייט, רייניגן די שטוב, די פראבלעם פון דעם קינד, און פון יענעם קינד. זי פירט אן א גרויסע ווירטשאפט, א גאנצע קאמפאני, און טראגט פיל אויף אירע פלייצעס. אין דער אויסערליכער וועלט, איז די דאזיגע פרוי נישט די פארווירקליכונג פון דער "שיינער" און "פערפעקטער" פרוי. אבער פאר אונז, די וואס קוקן אויף דער וועלט דורך די עיני ה', איז נישטא קיין שענערע און מער-שלימות'דיגע זאך, ווי די מוטערס פון אונזער פאלק. אט דאס איז די אמת'ע שיינקייט!

## יעדע קינד איז אן אומגעהויערע פארמעגן

**לאמיך** אייך זאגן נאך עפעס: די דאזיגע פרוי איז נאך רייכער ווי אלע מענטשן, וועמען די וועלט באטראכט אלס רייכע. גייט ארויס היינט נאכט, און כאפט א שפאציר אראפ "אָושען פאַרקוועי". קוקט זיך ארום, באטראכט די שורות מיט שורות, בלאקן מיט בלאקן פון "אַפּאַרטמענט בילדינגס". דאס איז אבער גארנישט קעגן **איין קינד**. יעדעס קינד אייערס איז ווי איר וואלט פארמאגט גאנצע בלאקן מיט הויכע "וואָלקן קראַצער". איר זענט א רייכער מענטש! און אויב די וועלט אנערקענט עס נישט - איז וואס? ס'איז א וועלט פון פינסטערניש, און מיר ערווארטן נישט קיין בעסערס פון די בלינדע נאראנים וואס שפאצירן אין דאזיגן חשכות. אויפציען די פאמיליעס פון עם ישראל איז איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען וואס איז מעגליך אויף דער וועלט. און איך דארף באדאנקען דא אין דער עפנטליכקייט רביצין קאפלאן, און אירע בית-יעקב שולעס; פיל פון די לייסטונגען זענען איר צו פארדאנקען. זי אליין האט געהאט פערצן קינדער, און זי האט איינגעפלאנצט אין א דור פון מיידלעך דעם אידעאַליזם ארויסצוגיין און אויפבויען גרויסע תורה-פאמיליעס.

בויען פארנומענע היימען מיט תורה-אידעאַלן איז נישט בלויז א שווערע ארבעט, נאר עס איז אויך א גרויסע שמחה. נישטא קיין גרעסערע שמחה, ווי די פרייד פון אויפציען א משפחה. ערציען קינדער איז איינס פון די פארגעניגנס פון לעבן. איין טאג וועט איר צוריקקוקן אויף יענע טעג. ווען איר וועט שוין זיין אן אלטער עלטער-עלטער זיידע, אדער אן אלטע עלטער-עלטער-באבע, וועט איר צוריקקוקן צו די דאזיגע טעג, ווען אין הויז איז געווען רוישיג, און איר וועט זיך בענקען צום שטענדיגן טומל פון האבן קינדער אין שטוב.

און דערפאר, כדי צו האבן די אמת'ע הצלחה אזוי ווי יעקב אבינו האט געהאט, מוזן מיר ערפילן אונזער ראלע צו ערציען אונזערע "שבטים", אונזערע קינדער, אויפ'ן זעלבן וועג ווי יעקב און די אמהות האבן עס געטון. זיי האבן געוואוסט, אז די צוקונפט פון עם ישראל ליגט אין זייערע הענט, און זייער "צער גידול בנים" איז געווען די גרויסע דערגרייכונג צו ערציען דאס צוקונפטיגע הייליגע פאלק. און מיר זענען פארנומען צו טון דאס זעלבע, גארנישט ווייניגער ווי זיי האבן עס געטון.

בס"ד

צו באשטעלן ביי אונז גליונות פאר:

שבת שמחות, שבת התוועדות, מקומות הק' אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה, זמירות און ברהמ"ז - ענייני צדיקים-יארצייט

לויט אייער פארלאנג

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

615.680.9029

gilyonosshabbos@gmail.com




# ליינט די גליון יעדע וואך אין קונטרס גליונות לש"ק

gilyonosshabbos@gmail.com

# הדפסה והפצה

מעלדונג

צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'

אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט

און איר ווילט עס זאל אנהאלטען רופט 845-213-7571

נדבת השבוע פ' ויצא נתנדב ע"י

הרוצה בעילום שמו

להצלחה בכ"ע, ולהתברך בכל מילי דמיטב


**Doctor's Choice**
Recommended by
Leading Pediatricians in
NY and NJ

**David C. Rosenfeld RPA-C**

718-435-2592
**585 East 2nd St.**
845-436-6027
**97 Laurel Ave.**

FLYINKOLORS
718.207.7888

# היכי דמי קידוש השם

## שאלה:

**דער רמב"ם זאגט, אז איינס פון די וועגן ווי אזוי צו מאכן א קידוש השם, איז אז דער מענטש זאל זיך שטענדיג אויפפירן אויף א וועג וואס מענטשן וועלן זאגן, "קוקט אויף דעם מענטש! ער לערנט תורה, און זעט ווי גוט ער פירט זיך אויף." איז מיין שאלה: זאל מען דאס טון מיט אזא כוונה, אז אנדערע מענטשן זאלן ארויפקוקן און אונז ליובן?**

## תשובה:

**יא**, מען זאל עס טון כדי אז מענטשן זאלן ליובן די פרומע אידן. א פרומער איד וואס גייט מיט'ן שווארצן הוט, זאל דאס מאכן פאר זיין ציל, זיך אויפצופירן אויף אזא וועג, אז מענטשן וועלן זאגן גוטס אויף פרומע אידן. אט קומט אן א דרייווער פון "יו-פי-עס" און ברענגט פאר איינעם א גרויסע, שווערע פעקל. ער דארף עפענען די טיר, אבער ער האט נאר צוויי הענט און קען נישט אנכאפן דאס הענטל. קומט איר צו גיין, א מענטש מיט א שווארצן הוט און א בארד, און וואס טוט איר? איר עפנט די טיר פאר דעם טינקעלער מענטש, און ער זאגט אייך: "א דאנק אייך." דאס איז א קידוש השם. דער גוי זעט אז א "ראביי" מיט א בארד איז א "מענטש". דערמיט פארמערט איר כבוד שמים אויף דער וועלט. איר מיינט נישט אייער אייגענעם כבוד, נאר דעם כבוד פון דעם וועמען איר פארטרעט, ד.ה. פון הקדוש ברוך הוא.

**און** מיינט נישט אז דאס איז עפעס א קלייניגקייט. יעדע זאך וואס איר קענט נאר טון אז אנדערע מענטשן זאלן אייך אויסלויבן אלס פרומער איד, זאלט איר טון. ווי-נאר איר טוט זיך אן דעם שווארצן הוט, נעמט איר אויף זיך אן אחריות צו מאכן א גוטן איינדרוק ביי דער וועלט. גייט ארויס פון וועג דאס צו טון.

**איך** בין אמאל געשטאנען ביי א ווינקל פון גאס, ווען א קאלעדזש-יונג האט אראפגעווארפן עפעס אויפ'ן סיידוואָלק. האב איך זיך אראפגעבויגן, עס אויפגעהויבן און געלייגט אין מיסטקאסטן. א מענטש וואס איז געשטאנען דערביי האט זיך אנגערופן און מיר געזאגט: "א דאנק אייך." ער האט מיך באדאנקט פאר'ן עס אויפהייבן פון דער ערד און לייגן אין מיסט! איר דארפט טון זאכן וואס מענטשן זאלן דורך דעם שעצן פרומע אידן. גייט ארויס פון וועג צו ווייזן פאר מענטשן אז א פרומער איד איז מענטשליך, אנשטענדיג און גוטהארציג.

**שאלות און תשובות**
**מיט**
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**אט** גייט איר אין גאס, און א שווינדלער האלט א קליין, בלעכן פושקעלע און שרייט: "איך דארף 'טשאריטי' (צדקה) פון אייך." ער איז א ליידיגגייער און וויל נאר האבן אייער געלט. איז וואס טוט איר? איר נעמט ארויס א פעני פון טאש - ער דארף נישט זען אז ס'איז נאר א פעני - און גיט עס א ווארף אריין אין זיין פושקעלע מיט א הילכיגן קלונג. ווען איר גייט אוועק, וועלן אלע צוקוקער זאגן, "אה, זעט! דער 'ראביי' גיט צדקה!" דאס איז א קידוש השם. לייגט אבער נישט אריין קיין צוויי פעניס - ס'איז א שאד דאס געלט.


מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"